**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 22 טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין מערב ניו יארק אלס טייל פונעם שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY FORWARD פראגראמען**

***פראיעקטן אנאנסירט אין דאנקירק, וועלסוויל און לאנקאסטער***

***געמאלענע בילדער פון דעם פראיעקט זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סך הכל פון 22 טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר'ן מערב ניו יארק ראיאן אלס טייל פון צוויי עקאנאמישע דעוועלאפמענט פראגראמען:די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward. זעקס פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר דאנקירק, די רונדע 6 געווינער פון א 10 מיליאן דאלערדיגע DRI געלט באלוינונג; זיבן פראיקעטן זענען אנאנסירט געווארן פאר וועלסוויל, א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מילאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג; און אכט פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר לאנקאסטער, אויך א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מיליאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג.

"ניו יארק'ס שטאט צענטערן זענען די הארץ פון אנזער סטעיט, און די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward פראגראמען העלפן אונז ערפולן אונזער פארפליכטונג צו דערהייבן קאמיוניטיס אין יעדע ראיאן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פראיעקטן אין מערב ניו יארק וועלן העלפן אויפלעבן אונזער הערליכע שטאט צענטער און עפענען מער געלעגנהייטן פאר ניו יארקער צו אויפבויען בליענדע קאמיוניטיס פאר צוקונפטיגע דורות."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (DRI)**

די סיטי פון דאנקירק איז פראקלאמירט געווארן אלס דער מערב ניו יארק געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט צענטער איניציאטיוו אין 2023. די ניין אויסגעוועלטע פראיעקטן זוכן צו נוצן די סיטי'ס פארבינדונגען מיט לעיק עריע צו ציען נייע אינוועסטירונג, עפענען איר וואסער בארטן און דינען אלס אן אריבערפירער פאר נייע דעוועלאפמענט פון איר היסטארישע ביזנעס דיסטריקט.

נייע אינוועסטירונג צוזאמען מיט פארגאנגענע אינוועסטירונגען וועט שאפן א שטאנדהאפטיגע פלאץ צו קענען אויפלעבן און גיבן נייע נוצן פאר היסטארישע געביידעס אין די שטאט צענטער און צו אריינבויען נאך געביידעס אין צווישן די שטייענדע געביידעס צו גיבן וואוינונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען.

די DRI אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן אין מערב ניו יארק. די DRI ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע קאמיוניטי אנטוויקלט א סטראטעגישע

אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצירט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט.

די ספעציפישע פראיעקטן וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די DRI שטיצן עטליכע ציהלן און סטראטעגיעס וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן, ווי צוםביישפיל דאס פארשטערקערן די שטאט'ס אייגנארטיגע געפיהל מיט אן אמת'ע, אויטענטישע ערפארונג וואס וועט אויפטרייבן צוקונפטיגע וואוקס פון זיך אליין און שטיצן אנטוויקלונג וואס נעמט יעדן אריין בשעת'ן ארומנעמען איר שטארקע העריטעדזש און אפשטאמיגע פארשידנארטיגקייט.

דאנקירק לשיסט זיך איין אין די קאמיוניטיס פון דזשעימסטאון, אליען, לאקפארט, נייעגרא פאלס בריק דיסטריקט, נארט טאנאוואנדא, באפאלאו'ס בראדוועי-פילמאר געגנט און טאנאוואנדא, וועלכע זענען געווען מערב ניו יארק'ס גאווינער אין די ערשטע זיבן DRI רונדעס.

די 9.7 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאך אנדערע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

**די נייע דאנקירק DRI פראיעקטן, וועלכע קומען אן צו 9.7 מיליאן דאלער, נעמען אריין:**
די סיטי פון דאנקירק וועט נוצן אירע פארבינדונגען מיט לעיק עריע צו מאכן א כוואליע פון ענערגיע צו עפענען איר וואסער בארטן און שטאט צענטער געגנט מיט פריוואטע אינוועסטירונג וואס פארבעסערט ביזנעס געלעגנהייטן און אקטיוויטעטן פאר איינוואוינער און באזוכער. שטאט צענטער דאנקירק וועט זיין א ציל א גאנצן יאר וואס איז באקוועם, ציענד, וואוינבאר, שפאצירבאר און שטארק. דאנקירק וועט בויען אויף איר אייגנארטיגע פארשידנקייט, היסטאריע און נאטורליכע ענווייראמענט צו געבן געלעגנהייט און א הויכע קוואליטעט פון לעבן פאר מענטשן פון אלע יארגענג און עטנישע אפשטאמען.

**איבערבויען די דאנקירק מאקאראני פירמע געביידע צו פארמאגן דירות און מעדיצינישע אפיסעס ($500,000)**
איבערמאכן אן עקזיסטירנדע פיר-שטאקיגע געביידע צו ווערן א געמיש פון באנוצן, אריינגערעכנט אפיסעס און לאפט-סטייל דירות.
**אוועקשטעלן די שטאט צענטער דאנקירק קליינע פראיעקט פאנד ($473,000)**
אויפשטעלן א פאנד פאר פראיעקטן וועלכע לעבן אויף די שטאט צענטער פון דאנקירק, דורך געלט טיילונגען פאר געביידע איבערבויאונג, ביזנעס הילף (קאמערשעל מאשינען און אפאראטן), פובליק קונסטווערק און ווייכע קאסטן (ארכיטעקטור און ענדזשינירן).
**איבערמאכן די קלעריאן האטעל געביידע און הויף ($1,000,000)**
איבערבויען אומגעפער 120 האטעל צימערן, קאנפערענץ פלאץ, עס-זאל, לאבי, דרויסנדיגע געביידע, דרויסנדיגע זיץ-פלאץ און הויף.
**איבערבויען די לעיק שאור נאציאנאלע באנק געביידע צו פארמאגן געשעפטן און מארקעט-ראטע דירות ($900,000)**
איבערטויישן די געוועזענע באנק געביידע צו געשעפטן אויף די ערשטע שטאק און פיר מארקעט-ראטע, לאפט-סטייל דירות.
**איבערמאכן די גרעף געביידע צו פארמאגן אן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג טרעינירונג צענטער ($2,200,000)**
איבערבויען די גרעף געביידע צו פארמאגן אן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג טרעינירונג צענטער וואס האט די מעגליכקייט צו אריינעמען טשיילדקעיר, אפיסעס פאר פראגראם מיטארבעטער, א קאריערע קאונסעלינג צענטער, סייענס לאבאטאריעס, נייע קלאסצימערן און קאמפיוטער צימערן.
**אויסברייטערן די סיטי פון דאנקירק מארינע דורך נייע דאקס ($2,000,000)**

אריינלייגן נייע דאקס וואו עס פעלט דאקס, איבערמאכן מארינע יוטיליטיס און אינסטאלירן א סעקיוריטי סיסטעם.

**אויפבויען דירות פאר צוגענגליכע פרייזן און א דעיקעיר איינריכטונג אויף צווי ערטער($500,000)**

אויפבויען נייע, ביליגע האוזינג און א דעיקעיר איינריכטונג ביי צווי ערטער, אריינגערעכנט אן אפגעשאצטע 30 דירות און אן אומגעפערע 6,700 סקווער-פיסיגע דעיקעיר איינריכטונג אויף איסט 4'טע סטריט און אן אפגעשאצטע 48 דירות אויף וואשינגטאן אוועניו.

**פארבעסערן די שעדוויק בעי מארינע מיט פארעדיגע שיף שטריקן און שיפלער באקוועמליכקייטן ($1,000,000)**

אריינלייגן א נייע דאק מיט פארעדיגע שטריקן, בעסער מאכן עקזיסטירנדע דאקס, שיפלער באקוועמליכקייטן און פובליק צוטריט אריינגערעכנט א וועג צו די שפאציר-וועג אויפ'ן ברעג.

**צוריק אויפלעבן די היסטארישע אדאמס געביידע צו פארמאגן קונסטווערק און יוגנטליכע פראגראמען ($1,127,000)**

איבערבויען די היסטארישע געביידע צו ווערן א מערערע-באנוץ אווענט ארט און נידריגע-שטאפל יוגנטליכע צענטער אינאיינעם מיט Kids at Promise (קינדער ביים האפענונג), און צווי לוקסוריעזע דירות צו צושטעלן אן אנגייענדע איינקונפט פאר פראגראמען און געביידע אויפהאלטונג.

## NY Forward

ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע "אומר ועושה" סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. NY Forward אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן אין מערב ניו יארק.

**די זיבן וועלסוויל NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:**

די ווילעדזש פון וועלסוויל פלאנט צו עפענען א היינטיגע און אויפגעלעבטע שטאט צענטער וואס פארבעסערט די קוואליטעט פון לעבן, פארשפרייט געזונטהייט און וואוילזיין און שטארקט שטייער פארדינסטן דורך שטיצן ביזנעס וואוקס. עס וועט שטיצן א לעבהאפטיגע, שטארקע, און פארשידנארטיגע עקאנאמיע וואס איז אקטיוו דורכאויס אלע פיר סעזאנען, גוט-אויסנוצנדיג איר עקא-טוריסם מעגליכקייטן און נוצנדיג איר קליינע-דערפל איינגענעמקייט, קרעפט עסנווארג און געטראנקען ביזנעסער, אייגנארטיגע קונסטווערק און קולטור און צוטריט צו הערליכע סצענעס און דרויסנדיגע אקטיוויטעטן. עס וועט לייגן צום ערשט אדאפטיווע איבערנוץ און ווענט אפגרעידס, האוזינג און אינפיל דעוועלאפמענט און פובליק אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלכע פעלן אויס צו אנטוויקלען א לעבהאפטיגע שטאט צענטער.

**בעסער מאכן די טעגליכע באריכטער ($762,000)**

איבערבויען א געוועזענע דרוקעריי צו ווערן נייע קאמערשעל פלאץ אויף די ערשטע שטאק, און דירות צו פארדינגען אויף די אויבערשטע שטאק.

**אנטוויקלען נייע ברענדינג און שילדן פאר די ווילעדזש פון וועלסוויל ($90,000)**

אנטוויקלען א ברענדינג און וועג-געפונען פלאן און נייע ווילעדזש וועבזייטל.

**אוועקשטעלן די וועלסוויל NYF קליינע פראיעקט פאנד ($449,000)**

אוועקשטעלן א קליינע פראיעקט פאנד צו העלפן אפליקאנטן מיט געביידע און ביזנעס פארבעסערונגען.

**איבערארבעטן די סטאנציע צו ווערן אן אווענט צענטער און מוזעאם ($1,228,000)**

איבערארבעטן א געוועזענע באן סטאנציע צו ווערן א נייע אוועגט ארט און באן-טעמע מוזעאם.

**לעבט מיט פארוויילונגס ביי די וועל ($640,000)**

אנטוויקלען א נייע עסן, פארוויילונגס און פארשטעלונג פלאץ אין די געוועזענע מוניציפאלע געביידע.

**בעסער מאכן טויערן פאר די ווילעדזש פון וועלסוויל ($551,000)**

בעסער מאכן די פיסגייער ערפארונג ביי סטעיט סטריט מיט מער פארזיכערטע און שענערע איבערגענג, ברייטערע סיידוואלקס און צולייגן שיינע צוימער און פענער זוילן אויף די מעדיסאן סטריט אנדענק בריק.

**פארגרעסערן פלאץ און צוגאבעס ביי די קריעיטיוו ארטס צענטער ($780,000)**

גרעסער מאכן קונסטווערק סטודיאו צוגאבעס דורך איבערבויען סטודיאו ערטער, אינסטאלירן א לאסט עלעוועיטער, און קויפן א נייע קילן; איבערבויען די פלאץ צו אריינלייגן נייע דירות און ארבעטספלעצער פאר קונסט-ארבעטער; און מאכן פארבעסערונגען צו די געביידע פונדרויסן און פאר די מאכאנישע סיסטעמען.

**די זעקס לאנקאסטער NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:**

די ווילעדזש פון לאנקאסטער פלאנט צו מאכן א שטאט צענטער וואס איז גלייכבארעכטיגט, שטארק, און פעסט, מיט א לעבהאפטיגע ווילעדזש צענטער וואס האלט אן איר היסטארישע כאראקטער און צוגענגליכקייט און אינעם זעלבן צייט מוטיגט און שטיצט עס בעסערע עקאנאמישע אנטוויקלונג, געזונטהייט און וואוילזיין פאר איינוואוינער און באזוכער, ענווייראמענטאלע פריינטליכע אינפראסטרוקטור און פראקטיקן, א נייע צענערלינג צענטער, און האוזינג אויסוואלן פאר צוגענגליכע פרייזן.

**גרעסער מאכן די לאנקאסטער ווילעדזש צענטער מיט א נייע געמישטע-באנוץ געביידע ביי 20 וועסט מעין ($881,000)**

אויפבויען א נייע געמישטע-באנוץ געביידע אויף א ליידיגע שטיקל לאנד אויף 20 וועסט מעין סטריט.

**אוועקשטעלן א קליינע פראיעקט פאנד צו העלפן וויכטיגע געביידע און ביזנעס פארבעסערונגען ($300,000)**

אוועקשטעלן א $300,000 קליינע פראיעקט פאנד צו העלפן מיט ביז 75% פון די קאסט פון געביידע און ביזנעס פארבעסערונגען איבער די גאנצע NY Forward געגנט.

**אויפבויען נייע האוזינג פאר עלטערע מענטשן לענגאויס פלאם באטאם קריק ביי ברוקפיעלד פלעיס ($900,000)**

אויפבויען א נייע דירות קאמפלעקס פאר עלטערע מענטשן אויף א ליידיגע שטיקל לאנד גלייך נעבן פלאם באטאם קריק.

**אויפלעבן און פארבינדן לאנקאסטער מיט א נייע פאקעט פארק ביי די מוניציפאלע געביידע ($206,000)**

פארבעסערן די שוואך-באנוצטע שפאציר-וועג צווישן די פובליק פארקינג לאט וואס געפינט זיך הונטער די לאנקאסטער מוניציפאלע געביידע און בראדוועי/סענטראל אוועניו דורך אויפבויען א נייע פאקעט פארק, אוועקשטעלנדיג א לעבהאפטיגע באהעפטער און פלאץ צו זיצן.

**הייבן צו אפערא הויז און טאון האל צו ווערן א פארגעשריטענע סימבאלישע געביידע ($1,156,000)**

פארענדיגן הויכע-רעזולטאט פארבעסערונגען צו דרויסנדע און אינערוועייניגע טיילן פון דעם היסטארישע געביידע צו פארבעסערן די עפנטליכקייט און ראלע פון די לאנקאסטער אפערא הויז אולס א ראיאנישע קולטוראלע צייכן.

**איבערבויען די אינגאל און מיידל קלאב און עפענען א נייע צענערלינג צענטער ($1,057,000)**

פארענדיגן דרויסנדיגע און אינערוועייניגע פארבעסערונגען צו די אינגאל און מיידל קלאב פון דיפיו-לאנקאסטער און איבערבויען פלאץ צו פארמאגן א נייע צענערלינג צענטער.

**עקטינג ניו יארק סעקטרעטארי אוו סטעיט ברענדאן סי. יוגהעס האט געזאגט,** "מזל טוב פאר די אלע דריי קאמיוניטיס פאר'ן צייגן א גוט-דורכגעטראכטע פלאן צו העלפן אויפלעבן אונזערע שטאט צענטערן. דאנקירק'ס נאנטקייט צו לעיק עריע שטעלט צו א גאר גוטע געלעגנהייט צו אויסנוצן דאס מעגליכקייט צו מאכן נאך וואסער-געאייגנטע אקטיוויטעטן, פארשפרייטן טוריסם, וואוקס אין צוטריט צו האוזינג, און ביזנעס אויסברייטערונג. אינעם צייט וואס וועלסוויל און לאנקאסטער לייגן געוויכט אויף שטארקייט, גלייכבארעכטיגקייט, האוזינג, מערערע-מיטלען טראנספארטאציע אויסוואלן און אינפראסטרוקטור. די ניו יארק דעפארטמעט פון סטעיט קוקט פאראויס אייך צו העלפן דערגרייכן ערפאלג מיט אייער ווידער אויפלעבונג צילן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "DRI געלטער וועלן מוטיגן דאנקירק'ס מעגליכקייט נוצנדיג א ברייטע צוגאנג אידענטיפיצירט דורך די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן פראצעדור. מיט די געצילטע פראיעקטן היינט אנאנסירט, איז דאס ברעג סיטי אויפ'ן וועג צו שטארקן איר לאקאלע עקאנאמיע, איבערטוישן איר היסטארישע ביזנעס דיסטריקט און עפענען איר לעיק עריע וואסער ברעג און פארט."

**היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט-ענן וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די 19 מיליאן דאלער היינט געשאנקען וועט העלפן דאנקירק, לאנקאסטער און וועלסוויל בעסער דערגרייכן זייער פולע מעגליכקייט דורך ערלויבן פאר די קאמיוניטיס צו אינוועסטירן אין נייע הייזער, אינטערעסאנטע פארוויילונגס ערטער, און עקאנאמישע געלעגנהייטן אין זייער שטאט-צענטער געגנטער. וויכטיגערהייט, זענען די 22 פראיעקטן אויסגעוועלט געווארן מיט באדייטנדע לאקאלע אנטיילנעמונג צו טון דאס בעסטע צו פארזיכערן אז די ריסאורסן וועלכע ברענגען בענעפיטן פאר יעצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער פאר די קומענדיגע יארן. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר פאקוס אויף דערהייבן מערב ניו יארק'ס מוניציפאליטעטן מיט אינוועסטירונגען וועלכע באשיינען קאמיוניטיס און פארבעסערן לעבנס."

**WNYREDC קא-טשעיר און קאמפוס לעבס גרונדער עריק רייך האט געזאגט,** "די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward זענען צוויי פון ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע פראגראמען פאר אויפלעבן שטאט צענטערן. די טראנספארמאטיווע פראיעקטן היינט אנאנסירט פאר דאנקירק, וועלסוויל און לאנקאסטער נאך א יאר פון סטראטעגישע פלאנירונג וועט פארשטערקערן און ברענגען נייע אקטיוויטעט צו די וויכטיגע מערב ניו יארק קאמיוניטיס.'

**WNYREDC קא-טשעיר און קעניסיוס אוניווערסיטעט פרעזידענט סטיוו סטאוט האט געזאגט,** "די 24 פראיעקטן היינט אנאנסירט פאר דאנקירק, לאנקאסטער און וועלסוויל וועלן אויפלעבן די שטאט צענטערן און דינען אלס א טרייבער פאר נאך אינוועסטירונג. די DRI און NY Forward זענען צוויי פון די בעסטע סטעיט פראגראמען פאר אויפטרייבן עקאנאמישע דעוועלאפמענט, אויפלעבן אונזערע שטעט צענטערן און עפענען נאך געלעגנהייטן אין מערב ניו יארק."

**סטעיט סענאטאר פעטריק גאליוען האט געזאגט,** "ניו יארק'ס אינוועסטירונג אין אויפלעבן שטאט-צענטער קאמיוניטיס וועט ארויסהעלפן עקזיסטירנדע ביזנעסער, מוטיגן נייע אנטוויקלונג און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער און באזוכער. לאנקאסטער'ס פארפליכטונג איבער די פראיעקטן וועט פארזעצן די איבערגאנג פון די שטאט-צענטער געגנט און געבן נאך געלעגנהייטן פאר די גאנצע קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטאר טאם א'מארא האט געזאגט,** "די שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward פראגראמען האבן געהאט גאר א שטארקע פאזיטיווע אפעקט אויף קאמיוניטיס וועלכע איך טרעט פאר איבער גאנץ מערב ניו יארק און דרום טייל ראיאנען. די קריטישע סטעיט אינוועסטירונגען

האבן געהאלפן אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס און פירערס זיך פאראויס צו רוקן אויף פראיעקטן און שטארקן לאקאלע עקאנאמיעס, אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס און געלעגנהייט אין די טוריסם באפעלקערונג און אנדערע קליינע בינעסער און אינדוסטריס, לייכטער מאכן די לאסט אויף לאקאלע פראפערטי שטייער באצאלער, און שטערקער מאכן די אלגעמיינע קוואליטעט פון לעבן פאר קאמיוניטי איינוואוינער און פאמיליעס."

**אסעמבלימיטגליד דשאסעף גיגליא האט געזאגט**, "דעס איז געוואלדיגע נייעס פאר די ווילעדזש פון וועלסוויל און פאר גאנץ אלעגאני קאונטי. דאס 4.5 מיליאן שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward געלט באלוינונג וועט ערמעגליכן די ווילעדזש פון וועלסוויל צו ווייטער גיין מיט איר בליק אלס א ציל פאר ביזנעס, אינדוסטרי און טוריסם. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פאר'ן אנערקענען די נויטיגקייט צו שטיצן קאמיוניטיס אין מערב ניו יארק אינעם צייט וואס זיי בויען זיך איבער און בויען אויף א ליכטיגע צוקונפט פאר אונזערע איינוואוינער."

**אסעמבלימיטגליד מאניקע וואלאס האט געזאגט,** "פון נייע געשעפטן און רעסטוראנטן צו בעסערע פארקס און גאסן, האט די ווילעדזש פון לאנקאסטער דורכגעגאנגען א גענצליכע איבערטויש אין די לעצטע פאר יאר אסאך צוליב די באדייטנדע אינוועסטירונג דורך ניו יארק סטעיט. אונזער היסטארישע ווילעדזש ווערט שנעל א ציל פאר אלע מערב ניו יארקער צו וואוינען, איינקויפן, עסן, און געניסן פון אסאך פארוויילונג. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר נאכאמאל צושטעלן וויכטיגע ריסאורסן וואס וועלן פארזיכערן די ווייטערדיגע וואוקס און אויפלעבונג פון די ווילעדזש פון לאנקאסטער פאר קומענדיגע דורות."

**וועלסוויל מעיאר רענדי מ. שיילער האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנער האקול, די דעפארטמענט אוו סטעיט, און יעדער פארמישט אין NY Forward. וועלסוויל'ס געלט באלוינונג און אלע אויסגעוועלטע פראיעקטן וועלן האבן א פאזיטיווע אפעקט אויף אונזער קאמיוניטי פאר די קומענדיגע צענדליגע יארן! NY Forward איז געווארן די טרייבער פאר אונזער עקאנאמישע וואוקס, מער פון איר 4.5 מיליאן דאלערדיגע געלט באלוינונג. מיר האבן נאר יעצט אנגעהויבן זען איר פולע אפעקט."

**דאנקירק מעיאר קעיט וודאוויאסז האט געזאגט,** "די סיטי וויל באדאנקען גאווערנער האקול, פאר די געוואלדיגע אנאנסירונג. די סיטי פון דאנקירק איז גאר דאנקבאר צו ווערן פראקלאמירט אלס דער מערב ניו יארק געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט צענטער איניציאטיוו. פאר דורות, איז שוין דאנקירק'ס וואסער בארטן א קוואל פון שטאלץ און מעגליכקייטן. היינט, מיט דעם טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג, וועלן מיר קענען נוצן די מאכט פון לעיק עריע צו ערמעגליכן א לעבהאפטיגע ציל וואס פייערט אונזער אייגנארטיגע מסורה און פארשידנארטיגקייט."

**ווילעדזש פון לאנקאסטער מעיאר לינן רודע האט געזאגט,** "די NY Forward פראצעדור האט געהאלפן פאקוסירן די געברויכן און וואונטשן פון אונזער קאמיוניטי. די געלטער וואס איז באשטימט געווארן פאר די פראיעקטן וועלן מאכן טראנספארמאטיווע ענדערונג אין די ווילעדזש פון לאנקאסטער פאר קומענדיגע דורות. א דאנק פאר אלע וועלכע האבן אוועקגעגעבן אזויפיל צייט פאר די פראצעדור און פאר גאווערנער האקול פאר אנערקענען די וויכטיגקייט און טיילן געלט צו אנהאלטן און בעסער מאכן היסטארישע ווילעדזשעס אזוי ווי אונזערע."

DRI און NY Forward קאמיוניטיס זענען אויפגעקומען מיט סטראטעגישע איינפירונג פלענער (Strategic Implementation Plan, SIP) וואס שטעלט אוועק א חזון פאר די צוקונפט פון זייער שטאט-צענטער און אידענטיפיצירט און רעקאמענדירט א שורה פון ערגענצנדע, טראנספארמאטיווע און אויספירבארע פראיעקטן וואס שטיצן דעם חזון. די SIP'ס זענען געפירט דורך די לאקאלע פלאנירונג קאמיטע (Local Planning Committee, LPC) וואס באשטייט פון לאקאלע און ראיאנישע פירער,

סטעיקהאלטער, און קאמיוניטי פארשטייערן, מיט די הילף פון איינעם זיך צו באראטן און DOS שטאב, אלע פון די וועלכע פירן אן ווייטע קאמיוניטי גרייכונג און פארבינדונג ווען זיי באשליסן אויף פראיעקטן.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward זענען צענטראלע עלעמענטן פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו איז איינגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. NY Forward איז איינגעשטעלט געווארן אין 2022 צו אויפלעבן קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט—מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal), און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority)—איז די DRI און NY Forward א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג.ביידע פראגראמען שאפן א וויכטיגע שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס באַרייכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטארקט קוואליטעט פון לעבן, פארשפרייט געזעלשאפטליך-עקאנאמישע אנטוויקלונג, און עררייכט די סטעיט'ס שטארקע קלימאט צילן.

אין די ערשטע זיבן רונדעס פון די DRI האט די סטעיט פארשפראכן 800 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 81 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אין די ערשטע צוויי רונדעס פון די NY Forward האט די סטעיט פארשפראכן 200 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 43 קלענערע און זייטיגע שטאט-צענטערן.

מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג דאס יאר פון נאך 100 מיליאן דאלער באזונדער פאר די שטאט אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward, האט די סטעיט יעצט אינוועסטירט א פאראייניגטע סומע פון 1.2 ביליאן דאלער אין ביידע פראגראמען זינט זייער גרונדונג, סערווירנדיג 124 שטאט צענטער קאמיוניטיס אלעס צוזאמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן